Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# A ṭoyṭ di ḳanibaln!

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Moskve, 1941

שווארצע שײטער

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-7280

Visual Library

# שוואַרצע שײַטערס

פאַרוויַיל, פאַרוויַיל דאָס פאָלק,
געקרוינטער לעצ,
מיט סריפּע שיקערער, מיט שײַטערהויפנס שוואַרצע!
פאַרמער די צאָל,
וואַרפ אונטער נאָכ —
דאָס איינציקע, דאָס לעצטע!
און זאָל כאָטש סריפּע לײַכטנ דאָרט,
ווו גאָרניט לײַכט זיכ!

פאַרווײַלט דאָס פאָלק, פאַרווײַלט דאָס מיט געדעמפּ,
פאַרווײַלט עס מיט פאַרניכט
און מיט פאַרלענד,
און פרייט זיכ טעמפּ
מיט שײַטערס אופגעהויבענע, ווי קופלס ביר
ווי בליציקע,
און רופט צונויפ אהער דעמ פאַרלאַמענט
אפ אײַער צווייטער פײַערלעכער זיצונג.

דאָס וואָרט געהערט דעמ צוואַנציקסטנ יאָרהונדערט.
אפ שײַטער פינצטערנ געבונדנ
און צעלייגט,
ס׳גייט ווידעראַמאָל אָפּגעבנ זײַנ לײַב דזשאָרדאַנאָ ברונאָ,

ס׳גייט ווידעראמאָל אָפּגעבן דאָס לײַב זײַנס גאליליי
אין טרויער און אין רום פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט!

נאָר דורך דעם פלאם און רויך
מיט יעדן אָס געצונדענעם אפ שײַטער
גייט אופ דער אורטייל אין דער הויך,
ווי רעגנבויגן שווערדיקער, געשלײַפטער.
— איז שלײַדערט און צעשלײַדערט זיי, די שריפטן,
איז שלײַדערט זיי, די בענדער, אפן פלאם!
א יעדער פונק זיך שטערנט בלענדיק אין די טיפן,
ווי א פארשווערונג — א נעוויע פארן לאנד!
פארווײַלט דאָס פאָלק! פארווײַלט עס דאָרט מיט פײַער און מיט מאָרדן,
פראטשט אויס אין בלוט „פארומווירדיקטע״ ראסן!
טוט אָן די האק אפ אײַער גײַסט, גלײַך ווי אן אָרדען,
און שלעפט די דענקער און די קונסט איבער די גאסן.
און אויב ס׳איז ווייניק פאר דער פײַערונג — איז נעמט,
איז נעמט די וויסנשאפט אפ פאקל-שטאנג פארהייבט דאָרט!
קיין אייגנס האָט איר דאָך ניט מערער, ווי א ברוינע העמד,
און זי איז אויך אן אָפּגערויבטע!

נאָר ניט פארגעס,
געקרוינטער לעצ,
אז אפ די שײַטערס ברענט פאפיר,
אז אפ די שײַטערס ברענט געזעצ,
פארפײַניקט לײַב, געשמידט אין צוואנג!
נאָר פארגעדענק עס פעסט,
אז אפ די שײַטערס ווערט געשטאָלט
און טויט-געפערלעך דער געדאנק!

איר וועט אים עפשער אָפּציִען, דעם אורטייל, אפ א ווײַל,
וואָס הענגט שוין איבער אײַך, ווי אופגעפאָכטער מעסער;

וועסט עפשער, לעצ, פארוואנדלענ דײַנ לעוויַע
בלויז אפ א ווײַל אינ קרייצצוגדיקער מעסע,
איז פריי זיכ טעמפ
מיט שײַטערס אופגעהויבענע, ווי קופלס ביר,
אונ מיט געדעמפ,
אונ מיט פארניכט!

ווער זאָגט, אז מענטשלעכער געדאנק אינ פײַער ברענט?
עס ברענט אפ דיר די לעצטע ברוינע פעל,
אונ לעכערלעכ איצט ביסטו מער נאָכ
פונ די בוהײַענ וואנזיניק-ארויסגעריסענע פונ פענט,
וואָס לויפנ אום אונ פרוונ זיכ די וועלט
צו נעמענ אפ די הערנער!

פארווײַלט דאָס פאָלק! אונ שלאָגערס פײַערלעכע ברויעט
אונ לאָזט עס ניט באדענקענ פונעם שווארצנ פלעט זיכ!
ס׳וועט באלד א בריל געבנ א דונערדיקנ: „ברויט!"
אונ אופרעסנ ס׳וועט אײַכ אינײנעם מיט די פלעצער!

אונ איצטער לייענט אײַער אורטייל
ניט אפ פאפיר, נאָר אפ צעפראלטע פארמעטנ פונ צײַט,
אפ פענעמער באלויכטענע — איצט ליי׳נט אדורכ אימ,
אונ — וויסנ זײַט:
פונ אונטער דר׳ערד, ווי וואלד ווי ריזיקער, וועט אופגיינ
א יעדער אש-שטויב,
וואָס איר האָט מיטנ פלאמ פארזייעט אינ די לופטנ
אונ דוירעס מיטלעלטערלעכע איבעראשט דאָרט —
אינ דער ווײַט.

אונ — וויסנ זײַט:
אפ פלייצעס בראָנדזענע געטרײַ

איז אויסגעקריצט א יעדער אָס
פון אײַער אורטײל,
ווי אויסגעקריצט עס זײַנען שטערן אפן הימל,
און יעדער בראָך און יעדער שאָס
א הימען איז, א הימען
פאר געבורטן.

און וויסן זײַט:
אונטער דעם אש פון שײַטערדיקע פלעצער
בליט אוף די היים פאר אומרויִקע גײַסטער,
וואָס וואָגלען אום, ווי שיפן בלאָנדזשענדע, פארפאָלגטע פון פּיראטן.
— ווילקאָמען, ברידער, אײַך — פונדאנען איבער גרענעצ!

זאָל יעדער בארג אײַך זײַן פאר א באגריסונג,
און יעדער טרויב זאָל זײַן א מעכטיקער וויוואט אײַך,
עס בליִען שטערנדיקע האפנס פון די ראטן,
און יונגער ווערט די ערד פון סאָציאַליזם!